**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/9/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול מעלדט איבער אכט מיליאן דאלאר וואס איז יעצט צו באקומען צו העלפן אנטוויקלען און אנפירן אויף-פארלאנג דורכפאר מעגליכקייטן אין אפסטעיט ניו יארק**

**אינאוואטיווע מאבילאציע איניציאטיוו צו פארברייטערן דורכפאר מעגליכקייטן פאר פארערס**

**נייע סערוויס מעגליכקייטן וועט פארבעסערן זיכערהייט, עררייכבאר און צוגענגליכקייט פאר דורכפארערס, און שטיצן קלימאט אקט ציל**

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן איבער אכט מיליאן דאלאר וואס איז יעצט צו באקומען צו העלפן אנטוויקלען און אנפירן מיקרא-דורכפאר און אנדערע אויף פארלאנג טראנספארטאציע מעגליכקייטן אין לאקאלע געמיינדעס אין אפסטעיט ניו יארק. די פינאנצירונג איז א טייל פון גאווארנער האקול'ס דורכברעכנדע אינאוואטיווע מאבילאציע איניציאטיוו (Innovative Mobility Initiative) און ווערט ערמעגליכט דורך א קאמפעטעטיוו ביטע צו פאסיגע דורכפאר אפעראטערס מיט אינאוואטיווע צוגענג צו פארגרעסערן געדעקטע געגנטער און מאכן פארזיכערטע און ביליגע דורכפאר מעגליכקייטן מער עררייכבאר צו ברייטערע געאגראפישע פלעצער. די איניציאטיוו שטיצט גאווארענער האקול'ס פאלק-פירנדע אגענדע צו באקעמפן קלימאט טוישונגען און פארמינערן גרינהאוז גאז אויסשטויסונגען דורך ערמעגליכן פארמערטע באנוץ פון פאבליק דורכפאר.

"דורך צושטעלן פארזיכערטע, פארלעסליכע און ביליגע מעגליכקייטן פאר דורכפאר באנוצערס אנצוקומען וואו זיי דארפן גיין, פארבעסערן מיר די קוואליטעט פון לעבן, באשיצנדיג אונזער אומגעבונג און פארשטערקערנדיג לאקאלע געמיינדעס," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "די פינאנצירונג בויט זיך אויף אונזער אנגייענדיגע אנשטרענגונג צו מאדערניזירן אונזער טראנספארטאציע סיסטעם און געבט פארערס מער מעגליכקייטן און בעסערע סערוויס, וואס העלפט אונזער לאקאלע געמיינדעס וואקסן און בליען."

געמאלדן אלס טייל פון גאווארנער האקול'ס 2023 סטעיט פון די סטעיט אדרעסירונג, שטעלט די אינאוואטיווע מאבילאציע איניציאטיוו צו פינאנצירונג צו non-MTA דורכפאר אטאריטעטן צו פארברייטערן סערוויס פארשלאגן און שטיצן פארערס וואס טרעפן זיך אן מיט שטרויכלונגען צו נוצן טראדיציאנעלע דורכפאר, דורך פינאנצירן דאס שאפן פון נייע דורכפאר אויסוואלן אדער טעכנאלאגישע פראדוקטן. די איניציאטיוו, וועלכע ווערט צוגעשטעלט דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע, שטיצט גאווארנער האקול'ס פאלק-פירנדע אגענדא צו פארמינערן גרינהאוז גאזן און די צילן פון די קלימאט פירערשאפט און געמיינדע באשיצונג אקט דורך פארמינערן טרעוול פון קארס וואס זענען באנוצט נאר דורך איינעם.

**סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמישאנער מערי טעריז דאמינגעז האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער קעטי האקול'ס פירערשאפט, איז ניו יארק סטעיט איבערגעגעבן צו ערמעגליכן טראנספארטאציע און עס מאכן צוגענגליך פאר אלע באנוצער - און דאס איז פונקליך וואס מיר טוען ווען מיר באנייען און העלפן ערמעגליכן פאבליק דורכפאר סערוויסער צו מענטשן - וואו און וויאזוי זיי

דארפן עס. די אינוועסטירונגען וועלן העלפן דורכפאר אפעראטערס דורכאויס ניו יארק סטעיט בעסער סערווירן זייערע געמיינדעס דורך צושטעלן נייע, מאביליטי אויסוואלן, אריינרעכנעדיג אויף-פארלאנג סערוויסעס, וואס זענען עררייכבאר, פארזיכערט און פארלעסליך."

**רעפרעזענטיטיוו דזשאו מארעל האט געזאגט,** "פארזיכערן צוגענג צו פארזיכערטע, ביליגע און עררייכבארע טראנספארטאציע איז וויכטיג פאר א בליענדע געמיינדע. ראטשעסטער ווייזט שוין די וועג דורכן עס מאכן א פאקט, און די איניציאטיוו דורכאויס די סטעיט וועט העלפן צו ווייטער פארשטערקערן אונזער פאבליק דורכפאר אינפראסטרוקטור און אין די זעלבע צייט אונז ברענגען נענטער צו א גרינע ענערגיע צוקונפט. איך בין דאנקבאר צו די גאווארנער פאר אירע אנשטרענגונגען צו פארמערן אינאוואטיווע מאביליטי און איר לאנגיעריגע איבערגעגעבנקייט צו שטיצן אפסטעיט ניו יארק."

**רעפרעזענטיטיוו טים קענעדי האט געזאגט,** "די היינטיגע אכט מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין מיקרא און אויף-פארלאנג דורכפאר וועט זיין א שטארקע טויש פאר אפסטעיט ניו יארקעקס וואס פארלאזן זיך אויף פאבליק טראנספארטאציע צו גיין צו די גראסערי, אנקומען צו אפוינטמענטס און באזוכן פאמיליע און פריינט. דאס איז א וויכטיגע שריט צו מאכן דורכפאר מער עררייכבאר אין געמיינדעס פון אלע גרויסקייטן - פארמערן צוגאנג צו מעגליכקייטן און צושטעלן פארערס, ספעציעל די מיט דיסאביליטיס מער אומאפהענגיגקייט. און וויכטיג, מאכנדיג דורכפאר א מער ציענדע מעגליכקייט וועט אראפנעמען קארס פון אונזערע גאסן צו פארמינערן פארפעסיטגונג און מאכן געמיינדעס אין ניו יארק גרינער און געזונטער."

ביז דריי מיליאן דאלאר אין אינאוואטיוו מאביליטי איניציאטיוו פינאנצירונג ווערט ערמעגליכט דורך די קאמפעטיטיוו ביטע צו פאסנדע דורכפאר אפעראטערס צו דעקן קאפיטאל און ארבעט אויסגאבן פארבינדן מיט די אנטוויקלונג פון נייע מיקרא-דורכפאר אדער אנדערע אויף-פארלאנג דורכפאר אויסוואלן. דערצו, ווערט נאך פינף מיליאן דאלאר ערמעגליכט פאר קאפיטאל אויסגאבן דורך NYSDOT'ס צוגאבע פון די פעדעראלע קארבאן פארמינערונג פראגראם (Carbon Reduction Program) (CRP).

די פינאנצירונג איז אין צוגאב צו איבער זעכצן מיליאן דאלאר צוגעשטעלט צו אפסטעיט דורכפאר אטאריטען און וועסטשעסטער, נאסאו און סופאלק קאונטיס צו מיקראדורכפאר פילאט פראיעקטן אין זייער סערוויס געגנטער.

מיט מיקרא דורכפאר סערוויס מיינט מען טראנספארטאציע דורך א עררייכבארע פיל-פאסאנדזשיר וויהיקל וואס נוצט א דיגיטאלע נעטווארק אדער סאפטוועיר אפליקאציע פארצושלאגן סערוויס אויף-פארלאנג אלס רעאקציע צו אינדיווידועלע פארלאנג. עס קען אנפילן לעכער אין די סטעיט'ס פאבליק טראנספארטאציע סיסטעם, ברענגענדיג סערוויס צו באזייטיגטע געמיינדעס, פארבעסערנדיג ערשטע מייל/לעצטע מייל פארבינדונגען, און/אדער מאכנדיג דורכפאר א מער רעאליסטישע מעגליכקייט צו א ברייטערע ספעקטרום פון די פאבליק. אפליקאציעס ווערן אנגענומען נישט שפעטער ווי סעפטעמבער 4, 2024, און מוזן אויך אנגעגעבן ווערן צו InnovativeMobilityCRP@dot.ny.gov. נאך אינפארמאציע קען מען טרעפן אויף [NYSDOT'ס וועבזייטל](https://www.dot.ny.gov).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן